


# "שבת שבע ברכות" בחצרות סאטמאר ערב כ"א כסלו, וועט פארקומען אין וויליאמסבורג בצל הקודש

**כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א וועט ווילן אין וויליאמסבורג שב"ק פר' וישב ערב כ"א כסלו – העפטיגע הכנות צום גרויסארטיגן מעמד כ"א כסלו במוצאי מנוחה – ספעציעלע שיפן וועלן צופירן דעם ציבור גלייך צום אריינגאנג פונעם מעכטיגן בנין**

וויליאַמסבורג. - מיט התרגשות דקדושה איז געווארן אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה ביי תלמידי וחסידי תושבי עיר וויליאמסבורג, אז לרגל דעם דינער השנתי להחזקת המוסדות הק' וואס קומט פאר קומענדיגן כ"א כסלו, מוצאי שב"ק פר' וישב, לס' "למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו", וועט מען האבן די זכי' אז דער גרויסער נשיא המוסדות, כבוד קדושת מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, וועט אריינקומען לעשות את השבת אין די שטאט וויליאמסבורג.

דער גרויסער שב"ק ערב דעם דינער ווערט אלע יארן אויסגענוצט אלס הכנה דרבה צום גרויסן טאג וואס געפאלט אויס אינמיטן די וואך, און טוזנטער חסידי אנ"ש זענען זיך מסתופף דעם שבת בצל הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, צו דאנקן אינאיינעם אויף די נסים גלויים וואס השי"ת האט געטאן בהאי יומא בהצלת כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, און ווייטער צו חזר'ן שיטתו הבהירה פון דעם בעל הנס.

שוין עטליכע יאר וואס מרן הגה"ק שליט"א איז זיך נוהג אריינצוקומען קיין וויליאמסבורג אויף דעם שבת בעפאר כ"א כסלו, כדי צו מחזק זיין די געטרייע חברי הנהלה פון די מוסדות אין וויליאמסבורג וועלכע זענען משליח נפשם מנגד אז די הייליגע מוסדות מיט אלע אירע פיליאלעס זאלן פונקציאנירן לשם ולתפארת, און

פארזעצונג אויף זייט ו ◄◄

## העפטיגע הכנות צום מעמד כ"א כסלו

זייט ג

רביה"ק זי"ע פרעגט:

## אין וועלכן זכות בין איך ניצל געווארן?

ממשנת מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

זייט ד

## גרויסאַרטיגער "ונתנו גורל" היי יאָר ווידער פראָקלאָמירט דורך הנהלת המוסדות

זייט ז

ווי אזוי האט אויסגעקוקט א דינער צוזאמען מיט רביה"ק זי"ע?!




זייט יב




# ותלמידו בידו

## העלפט אונז אוועקשטעלן דעם קומענדיגן דור מופלגים בתורה ויראה

אין כתה מכינה לישיבה קטנה ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז די בחורי חמד זאלן ארויסגיין פון תלמוד תורה מיט הונדערטער בלעטער גמרא שגור בפיהם. עס ווערט זיכער געמאכט אז יעדער תלמיד זאל זיך פארהערן סוף יאר ביי מרן רבינו שליט"א אלע לימודים וואס ער האט געלערנט אין תלמוד תורה און כיתות ד' - ה' -ו' - ז' - ח' און ט'

**מוצש"ק פ' וישב • פולאסקי פארט קאמפלעקס**

### פאקטן

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

### ציפערן

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט:
$4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים
מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל:
$12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00
• הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# העפטיגע הכנות צום מעמד כ"א כסלו

אין די טעג, די לעצטע וואך איידער דעם גרויסן מעמד כ"א כסלו וועלכע געפאלט קומענדיגען מוצש"ק פר' וישב, גייען אן די פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צום גרויסן מעמד, וואו רבבות חסידי סאטמאר וועלן פייערן דעם גרויסן טאג כ"א כסלו, דער יום ההצלה והשחרור פון מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע בראשות מ"מ וממשיך דרכו בקודש מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א.

דער היי-יעריגער "סאטמארער יו"ט", דער יום הצלה והשחרור פון רבינו הק' זי"ע, וועט ווידער געפייערט ווערן במקהלות רבבות אלפי ישראל, אין דעם עיר ועם בישראל וויליאמסבורג יצ"ו, מקום משכן קדשם פון מרנן ורבנן אדמור"י זי"ע, קאמבאנירט אינאיינעם מיט דער יערליכער דינער פאר די הייליגע מוסדות "ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר" תחת נשיאות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א.

און צוגאב קומט נאך צו היי יאר די הוספות חשובות צום גרויסן מעמד, דער שמחת שבע ברכות וואס וועט אפגעראכטן ווערן דורך עדת חסידי סאטמאר, לכבודו פון מרן הגה"ק שליט"א, לרגל השמחה בביתו, און גלייכצייטיג אויך דער גרויסארטיגער סיום לגומרה של תורה דורך אלפי חסידי סאטמאר אלוועלטליך וועלכע זענען אנגעשלאסן אין די חבורת "יסודי התורה", און זענען אצינד מסיים מסכת סוטה, און גרייטן זיך אנצוהייבן מסכת פסחים.

די מעלדונג איבער די שמחה משולשת ביים היי-יעריגן מעמד אדיר אין דעם טאג כ"א כסלו, האט אריינגעווארפן תלמידי וחסידי סאטמאר אין גאר גרויסן עקסטאז, זיך גרייטנדיג מיט א התרוממות דקדושה צו דעם געהויבענעם אווענט, ווען עס וועלן זיך צונויפקומען תחת קורת גג אחד אלפים ורבבות חסידים ואנשי מעשה, אנגעהויבן ביי זקני פארי ונכבדי הקהלה ופני העדה, און אזוי ווייטער בעלי בתים חשובים, אברכים יקרים ובחורי חמד וילדי תשב"ר.

די מאסיווע ארבייט צו דעם מעמד שלשתן איז שוין אין פולן שוואונג, און די הנהלת המוסדות פון די סאטמאר-וויליאמסבורגער מוסדות, וועלכע פירן אן מיט דעם נאבעלן פראיעקט צוצושטעלן די דריי גרויסע מסיבות, לייגן אריין די מאקסימאלסטע כוחות אז אלעס זאל קלאפן אויף הונדערט פראצענט און דער מעמד זאל זיין א כבוד שמים.

**אזוי ווי דער גיגאנטישער בנין געפינט זיך הארט נאכ'ן באקאנטן "פולאסקי בריק" נעבן וויליאמסבורג, וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעלע שיפן וואס וועלן אריבערפירן דעם ציבור א קורצע רייזע, פונעם שעיפער לענדיג אין וויליאמסבורג ביז צום אריינגאנג פונעם מעכטיגן זאל.**

די געטרייע עסקנים, דער וועד הפועל פאר'ן דינער פון די מוסדות, אין שפיץ פון דעם באגאבטן אדמיניסטראטאר פון די מוסדות הק', הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו, ארבעטן אריין כמעט 24 שעה ארום דעם זייגער אז דער מעמד זאל געקרוינט ווערן מיט'ן פולסטן סוקסעס, און אז אלע משתתפים זאלן הנאה האבן און זיך קענען מיטפרייען מיט די גרויסע שמחות בראשות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א.

עס איז ארגאנדזשירט געווארן הונדערטער עסקנים צו העלפן קאארדענירן די פארצווייגטע ארבעט אז אלעס זאל מסודר ווערן על צד היותר טוב. א באזונדערע שטאב פון טעטיגע און ענערגישע עסקנים געבן זיך אפ מיט'ן אהערשטעלן דעם מקום הכינוס, דער גיגאנטישער בנין "פולאסקי פארט קאמפלעקס", מיט אלע איינריכטונגען, אז דער אווענט זאל אריבערגיין מיט די פולסטע מאס הצלחה.

מטעם דער וועד הפועל פאר'ן דינער איז געמאלדן געווארן די ידיעה, אז אזוי ווי דער גיגאנטישער בנין געפינט זיך הארט נאכ'ן באקאנטן "פולאסקי בריק" נעבן וויליאמסבורג, וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעלע שיפן וואס וועלן אריבערפירן דעם ציבור א קורצע רייזע, פונעם שעיפער לענדיג אין וויליאמסבורג ביז צום אריינגאנג פונעם מעכטיגן זאל.

די קורצע, פינף מינוטיגע רייזע וועט

פארזעצונג אויף זייט יא ◀◀






### רביה"ק זי"ע פרעגט:

# אין וועלכן זכות בין איך ניצל געווארן?

## ממשנת מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

מיר אלע גרייטן זיך צו דעם גרויסן טאג כ"א כסלו, ווען מרן רביה"ק זי"ע איז ניצל געווארן פון די רשעים ארורים ימ"ש, און מיר וועלן אלע אפגעבן שבח והודי' להשי"ת אויף די גרויסע נסים און חסדים וואס דער רבי זי"ע האט מיטגעלעבט די אלע יארן.

ווי אזוי איז דער רבי ניצל געווארן?

דער סיפור הדברים איז זיכער באקאנט פאר יעדן, און עס איז שוין באשריבן אין לענגערע מאמרים און ספרים. אבער וואס די סיפורי מעשיות דערציילן מיינט נישט גארנישט, ווען מיר האבן אן "עדות מפי עצמו" וואס דער רבי זי"ע האט אמאל אליינס געזאגט ווי אזוי ער האט זוכה געווען איבערצולעבן דעם גרויסן און ביטערן חורבן.

דער רבי זי"ע האט דאס אפטמאל געזאגט, אבער אויף דעם אופן ווי אזוי ער האט דאס געזאגט געגוי מיט 45 יאר צוריק האט מען ווייניג געהערט פון רבי'ן זי"ע.

געווען איז דאס מוצש"ק פרשת וישלח תשכ"ו, ווען עס איז אפגעראכטן געווארן דער יערליכער דינער לטובת המוסדות אין די שטאט בארא פארק.ביים דינער האט דער רבי זיך אביסל ברייטער צושמועסט מיטן ציבור, ארויסברעגענדיג אז דאס גאנצע פארוואס ער איז ניצל געווארן פון די רשעים, איז נאר געווען כדי אויפצושטעלן די ערליכע מוסדות על אדמת נייו יארק.

דער רבי האט צוגעברענגט דעם מדרש רבה אויפן פסוק "קטנתי מכל החסדים" זאגט דער מדרש אמר ר' אבא בר כהנא 'איני כדאי' (איך בין נישט ווערד) ר' לוי אמר 'כדאי אני' איך בין יא ווערד. האט דער רבי זיך געשטעלט דערויף. ווי קען א מענטש זאגן פארן בוכ"ע "איך בין ווערד"? האנוש מאלוקי יצדק, בפרט דא ווען ער האט געוואלט בעטן א תפלה פון השי"ת, ער האט זיך דאך געוואלט משפיל זיין פאר הקב"ה, נו וואלט ער דאך זיכער געדארפט זאגן אז ער איז נישט ווערד. ווי אזוי האט ער געקענט זאגן "כדאי אני"?

האט דער רבי צוגעברענגט דעם מדרש אויפן פסוק "יעקב אשר פדה את אברהם" אז אברהם אבינו איז ניצול געווארן פון כבשן האש נאר בזכות יעקב, פרעגט דער נזר הקודש, האט דען אברהם אבינו נישט אליינס געהאט גענוג זכותים.

נאר לעולם - האט דער רבי געזאגט - אברהם אבינו האט זיך מוסר נפש געווען פארן באשעפער, און דער אמת איז, אז דאס איז דאך דער תכלית פון א איד אז ער זאל זיך מוסר נפש זיין פאר השי"ת. וואלט אברהם אבינו פארברענט געווארן פאר כבוד שמו יתברך, וואלט ער צוגעקומען צום רעכטן שלימות! וואס האט ער געברויכט נאך מער? פארוואס ער איז געבליבן לעבן? עס האט אבער געמוזט ארויסקומען פון אים א יעקב, יעקב אבינו האט דאך אויפגעשטעלט די י"ב שבטי קה, גאנץ כלל ישראל איז ארויסגעקומען פון יעקב אבינו, וועגן דעם איז ער ניצל געווארן. האט דער רבי געזאגט בל"ק: "זיין השלמה איז טאקע דאס געווען (ווען ער ווערט פארברענט) איהם וואלט בעסער געווען דארט (אין כבשן האש) נאר וואס דען ס'האט געמוזט ארויסקומען א יעקב אבינו. דאס איז דער פשט פון "יעקב אשר פדה את אברהם" נאר בזכות דעם וואס יעקב אבינו האט גדארפט מעמיד זיין א כלל ישראל, נאר צוליב דעם איז ער ניצל געווארן פונעם כבשן האש.

דאס האט יעקב אבינו געזאגט "קטנתי מכל החסדים" איך בין נישט כדאי אז דער בוכ"ע האט געמאכט מיט מיר אזויפיל חסדים, איך ווייס נישט פארוואס דער אויבערשטער האט מיך איבערגעלאזט, אבער "ועתה" יעצט זעה איך, אז דאס איז "לשני מחנות" צוליב וואס איך האב גדארפט ברענגן

**זאגט רש"י אויפן פלאץ אז די שאלה איז געווען "מי אלה להיות שלך". זאגט דער רבי אז ווי מען זעט פון רש"י איז די כוונה פון עשיו געווען צו פרעגן מי אלה ווי קומט דאס צו דיר אזא דור. ובל"ק פון רבי'ן זי"ע: "ער האט געזען אזא דור קיין עין הרע, אזא שיינע עוה"ז, די אלע קינדער, אזא געשטעל, בעלי צורה, האט ער אים געפרעגט, דו האסט דאך נישט געוואלט עוה"ז, ווי קומט דאס צו דיר"**

אויף דער וועלט די צוויי מחנות און זיי מגדל זיין. דאס זאגט ר' לוי "כדאי אני" דאס גייט ארויף אויפן סיפא פונעם פסוק "ועתה הייתי לשני מחנות" טאקע צוליב דעם, ווייל איך האב געדארפט ברענגען אויף די וועלט די צוויי מחנות, נאר צוליב דעם איז "כדאי אני" אבער פאר זיך אליינס איז טאקע געווען "קטנתי מכל החסדים" יעקב אבינו האט געהאלטן אז פאר זיך איז ער נישט געווען ראוי דערצו נאר צוליב די שבטי קה איז ער ראוי צו די חסדים.

האט דאן דער רבי מוסיף געווען, אז דאס איז פשט אינעם פסוק ווייטער "הילדים אשר חנן אלקים את עבדיך". ווייל לכאורה, ווען עשיו האט געזען יעקב אבינו מיט די קינדער האט ער געפרעגט "מי אלה לך" און יעקב אבינו האט אים געענטפערט "הילדים אשר חנן אלקים את עבדיך". זאגט רש"י אויפן פלאץ אז די שאלה איז געווען "מי אלה להיות שלך". זאגט דער רבי אז ווי מען זעט פון רש"י איז די כוונה פון עשיו געווען צו פרעגן מי אלה ווי קומט דאס צו דיר אזא דור. ובל"ק פון רבי'ן זי"ע: "ער האט געזען אזא דור קיין עין הרע, אזא שיינע עוה"ז, די אלע קינדער, אזא געשטעל, בעלי צורה, האט ער אים געפרעגט, דו האסט דאך נישט געוואלט עוה"ז, ווי קומט דאס צו דיר".

איז לכאורה לויט דעם דארף מען פארשטיין די תשובה וואס יעקב אבינו האט אים געענטפערט "הילדים אשר חנן אלקים את עבדיך" אדרבה, דאס איז דאך זיין קשיא, ווייל ער האט געזען אזא דור פון קינדער האט ער אים געפרעגט די קשיא.

נאר ווי דערמאנט פריער וואלט דאך יעקב אבינו נישט געדארפט גארנישט פאר זיך. האט יעקב אבינו אים געענטפערט אין הכי נמי פאר מיר דארף איך גארנישט פון מיין שכר אויף דער וועלט, אבער כדי צו מגדל זיין און צו קענען אויפשטעלן דורות וואס דאס איז דאך דער תכלית פארוואס ער איז געבליבן אויף די וועלט, פאר דעם דארף איך יא צוקומען צו עולם הזה. דאס האט ער געזאגט "הילדים" וועגן די קינדער "חנן אלקים את עבדיך" האט דער אויבערשטער מיר געגעבן השפעת עוה"ז, ווייל דאס פעלט אויס, כדי צו מעמיד זיין די אלע דורות.

האט דער רבי זי"ע דאן ממשיך געווען מיט מורא'דיגע ווערטער וואס מיר ברענגען אראפ בל"ק:

"אזוי קען מען זאגן לעניננו, יעדער ווייסט, אז די ביסל אידן וואס זענען געבליבן פון די לאגערס איז אלעס נסים ונפלאות "וגם אני בתוכם האט מיר דער אויבערשטער געהאלפן מיט נסי נסים בין איך ניצול געווארן". באמת קענען מיר זאגן "כי במקלי עברתי את הירדן הזה" ווען אונז זעמיר ארויס, האמיר זיך שוין גארנישט געקענט אויסמאלן (אז דאס וועט פאסירן) אונז ווייס מיר נישט מיט וואסערע זכותים זעמיר ניצול געווארן. נאר קען זיין טאקע פאר דעם, כדי אויפצושטעלן די אלע מחנות וואס מ'איז מגדל אין זיי דורות ישראל, אביסל דא, אביסל דארט, און ווער ס'העלפט צו דעם אביסל, האט אויך א חלק אין דעם. מעגליך אז דאס איז די סיבה, פארדעם איז כדאי געווען די גאנצע הצלה.

"פאר דעם דארף מען אויך עוה"ז "הילדים אשר חנן אלקים את עבדיך" פאר די קינדער דארף מען אויך השפעת עוה"ז, דארף יעדער טון וואס איז מעגליך צוצוהעלפן אז מ'זאל זיך קענען האלטן, וכמותם ירבו בישראל, ס'זאל ארויסגיין דורות בני ישראל וואס דאס איז דער גאנצער תכלית.

"דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל וויסן מיט נסי נסים זעמיר ניצול געווארן, דער אמת איז, איך אליין אויכעט, אז יעקב אבינו האט דאס געזאגט איז נישטא וואס צו רעדן, איך קען דאס אודאי זאגן, קטנתי, איך בין אודאי נישט כדאי צו דעם, און איך בין נישט געווען, דער אויבערשטער האט מיר געטון אזוי פיל נסים, דער אויבערשטער האט געהאלפן מ'איז ארויס געקומען, מ'איז דורכגעגאנגען אזויפיל נסיונות "עברתי את הירדן הזה" און איך בין ארויסגעקומען אלעס צוליב דעם תכלית.

"ס'שטייט ועתה "הייתי" (לשון עבר) איך בין דאך (נאך אלץ. יעקב אבינו האט דאך דאן געהערט די צוויי מחנות) פארוואס זאגט ער "הייתי"? זעט אויס (אז ער מיינט צו זאגן) אז מעיקרא אן, האט מען מיך געלאזט אויף דעם. איך בין פאר דעם געבליבן. זעט אויס אז דאס איז געווען אנגעגרייט פון פריער, איך זאל אויף דעם צוועק בלייבן, איך זאל קענען עפעס צוהעלפן מסייע זיין צו די סאך מחנות.

"מ'קען אויך מרמז זיין, אז היינט איז נישט גענוג איין מחנה אין איין פלאץ, נאר מ'דארף אויפשטעלן נאך מחנות אין אסאך מקומות, אין אסאך ווינקלעך, אביסל דא, אביסל דארט, אולי ירחם.

אזוי האט דער רבי זי"ע דאן געזאגט. און ווען מיר גרייטן זיך צו דעם גרויסן טאג, אפצוגעבן שבח והודי' להשי"ת דארפן מיר געדענקן דעם תכלית פונעם נס הצלה, און זיך אנשטרענגן צו שטיצן די מוסדות וואו די קינדער צוליב וועמען דער רבי זי"ע איז ניצל געווארן, זאל קענען א ווייטערדיגן קיום און המשך עד ביאת הגואל.

ובזכות החזקת המוסדות וועט יעדן איינעם זיכער נשפע ווערן השפעות מרובות משמי מעל, השפעה ברוחניות והשפעה בגשמיות, ווי דער רבי זי"ע זאגט דא פריער בל"ק: פאר די קינדער דארף מען אויך השפעת עוה"ז. זאל השי"ת דאס יעדן אייעם צושיקן בריווח ובניקל.

**האט יעקב אבינו אים געענטפערט אין הכי נמי פאר מיר דארף איך גארנישט פון מיין שכר אויף דער וועלט, אבער כדי צו מגדל זיין און צו קענען אויפשטעלן דורות וואס דאס איז דאך דער תכלית פארוואס ער איז געבליבן אויף די וועלט, פאר דעם דארף איך יא צוקומען צו עולם הזה דאס האט ער געזאגט "הילדים" וועגן די קינדער "חנן אלקים את עבדיך" האט דער אויבערשטער מיר געגעבן השפעת עוה"ז**




וויבאלד דער דינער השנתי פאר די מוסדות איז באשטימט אויף כ"א כסלו, קומט דער רבי שליט"א אריין קיין וויליאמסבורג פראווען דעם שבת בקרב תלמידיו וחסידיו אין עפארברייטונג צו די יערליכע אקציע.

היי יאר וועט דער גרויסער שבת גלייכצייטיג אויך דינען אלס שבת של שמחה, די גרויסע "שבת שבע ברכות" לרגל די שמחת בית צדיקים בנישואין נכדת כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, בת חתנו הדגול הגאון הצדיק רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד בשכונת ברך משה, אין קרית יואל, דעריבער וועט דער געהויבענער שבת טראגן א פיל פאכיגן באדייט, ווען תלמידי וחסידי אנ"ש וועלן זיך מיטפרייען מיט די שמחה הגדולה בבית רבם ומאורם.

נישט גרינג איז אנגעקומען דער באשלוס צו ברענגען די גרויסע שמחה קיין וויליאמסבורג, וואס איז פארבינדן מיט טלטול הדרך פון די גרויסע מחותנים, אבער דער גרויסער מנהיג העדה דער רבי שליט"א וועלכער איז נושא על כתפיו דעם הייליגן עול פון די מוסדות הקדושים, "ונשא אהרן את בני ישראל על כתפיו לזכרון תמיד", האט באשלאסן צו קומען אויף שב"ק קיין וויליאמסבורג, טראצדעם וואס דאס שלעפט מיט זיך מיט אלע צוגעהערן פאר דעם גרויסארטיגן שבת של שמחה, כדי צו געבן חיזוק ועידוד פאר די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש, די חברי הנהלת המוסדות, ובטוב צדיקים רבה תפארת.

וחסידים ברנה יגילו, דער ציבור אנשי שלומינו אין וויליאמסבורג האבן אויפגענומען די גרויסע בשורה מרנינה מיט התרגשות של שמחה וקדושה, און מ'גרייט זיך צום גרויסן שבת קודש בצל הקודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, ובפרט אז מ'וועט גלייכצייטיג זיך קענען מיטפרייען בשמחתו ושמחת לבו הטהור, וואס וועט געוויס ארייינברענגען א שמחה דקדושה אין די אלפי אנשי שלומינו המסתופפים בצל צדיק כתמר.

אלע תפלות און עריכות השלחנות וועלן פארקומען בבית המדרש הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר אויף הופער סט. וואו די עסקנים זענען אין די טעג עוסק צו קענען צורישן דעם ביהמ"ד אויפן גרעסטן פארנעם צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר און די פילע טויזנטער תושבי עיר וויליאמסבורג, וועלכע וועלן קומען מיטהאלטן דעם גרויסן שבת בצל קדשו פונעם רבי'ן שליט"א, און זיך מיטפרייען בשמחתו הגדולה.

שבת בייטאג וועט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פירן דעם טיש צוזאמען מיט די מחותנים און די קרובים פון ביידע צדדים, אינעם היכל תהלות יוסף דקהל יטב לב אויף הופער סט. און פאר די פרויען איז ארויסגעדינגען געווארן דער דערנעבנדער "קראסנא זאל", וואו עס וועט צוגעשטעלט ווערן די סעודות ליל ויום שב"ק פאר די כלה און די קרובי המשפחה.

א שמחה בבית צדיקים איז אלעמאל א גרויסע געשעעניש, ובפרט אצינד ווען די שמחה איז ספעציעל אריינגעברענגט געווארן קיין וויליאמסבורג לכבוד העם הנאספים, דעריבער איז צו ערווארטן א ריזן ציבור, דער כל הקהל הקודש עדת חסידי סאטמאר, וועלכע וועלן קומען מיטהאלטן דעם גרויסן שבת און זיך מיטפרייען בשמחתו פונעם רבי'ן שליט"א.

באזונדער איז צו ערווארטן א שטראם פון מענטשן פון די גאנצע שטאט, וועלכע וועלן קומען מיטהאלטן די טישן במשך דעם שבת קודש, און די הייליגע מצוה טאנץ די ריקודין לפני הכלה, וואס ווערט אפגעראכטן בליל שב"ק דורך מרן הגה"ק שליט"א כפי מנהג בית אבותיו.

סופר ומונה

# גרויסאַרטיגער "ונתנו גורל" היי יאָר ווידער פראָקלאַמירט דורך הנהלת המוסדות

צום היי יעריגן דינער האט דער דינער קאמיטע ווידער פראקלאמירט דעם גרויסארטיגן "ונתנו גורל", פאר אלע נדבנים ותומכים וועלכע זענען מנדב גרויסע נדבות אויפ'ן פלאץ ביים דינער. אזוי ווי פארגאנגענער יאר וועט היי יאר אויך פארקומען דער "ונתנו גורל" עטליכע טעג נאכ'ן דינער, פאר אלע תומכים וואס גיבן גרויסע סכומים פאר די מוסדות הק'.

דער סדר הגורל איז אז דער געווינער באקומט צוריק אין קעש די סומע וואס ער האט געגעבן צום דינער, יעדע צוויי וואכן פאר די קומענדיגע יאר. יעדער יחיד מיט זיין נתינה באשטעטיגט וויפיל זיין געווינס זאל זיין, געוואנדן לויט די נתינה פון קעש, טשעקס, קרעדיט קארדס, וואס ווערט געגעבן אצינד פאר'ן דינער, לויט דעם וועט זיין דער סכום פון די געווינס.

מיט'ן געבן ביים דינער די סומע פון 1,000$ האבן די נדבנים האבן די מעגליכקייט צו געווינען די פאנטאסטישע סומע פון 25,000$ דורכאויס דעם קומענדיגן יאר, איינגעטיילט אין 25 פעימענטס לויט'ן סדר פון די פארמאלע פעיראל סיסטעם אויף יעדע צוויי וואכן. (די מינימום פרייז אריינצוגיין אינעם גורל איז 250$.)

במשך די וואך נאכ'ן דינער וועלן די עסקנים ארומגיין אין אלע געגענטער אין די בתי מדרשים דקהלתינו הק', אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאנסי, אפצונעמען די נדבות פון די וואס האבן על פי סיבה זיך נישט געקענט באטייליגן ביים דינער און ביישטייערן זייער נדבה אויפ'ן פלאץ.

דער ונתנו גורל האט פארגאנגענעם יאר אויסגערופען גאר שטארקע אינטערעסע ביים ציבור, און עס ווערט אצינד ערווארטעט אז גאר א גרויסער ציבור וועט זיך משתתף מיט זיין מיט'ן סכום פון 1,000$ להחזקת המוסדות, און אזוי האבן א טשאנס צו געווינען 25,000$ אין דעם גרויסארטיגן ונתנו גורל.

דאס אלעס איז חוץ די הבטחה וואס ווערט שוין דערמאנט אין בעל הטורים אויפ'ן פסוק ונתנו איש כופר נפשו לה'. וז"ל: ונתנו - אם תקראנה למפרע יהיה גם כן ונתנו, לומר לך מה שאדם נותן לצדקה יחזור אליו, ולא יחסר לו בשביל זה כלום, ע"כ. עס איז אן הבטחה ברורה אז דאס געלט וואס מען גיבט פאר צדקה קומט אייביג צוריק.

גורל היא לכם.




## ג"ם ברוך יהי'

מעומק הלב פנימה, קול ברכה נרימה, להאי צורב, עוסק בחוקי חורב, עובד עבודת הקודש, לחנך צעירי הצאן במדת הגודש, מכניס בלבבם פי שנים, תורה וחסידות מדות טובות ויראת שמים, במעלותיו הנעלות גבר יוכר, לתלמידיו להיות למופת ולעיקר

ה"ה הרבני החסיד המפואר
הר"ר **יחיאל מיכל**
**גרינפעלד** שליט"א

אשר הקדיש לילות רבות לבקר בבתי אנ"ש להתרימם להחזקת מוסדותינו הק' כהכנה למעמד הדינער

**לרגל השמחה השורה במעונו נישואי בנו בסימן טוב ובמזל טוב**

וזאת הברכה, מאת אלקי המערכה, יזכה לרוות מכל יוצ"ח רב תענוג ונחת, בנים ובני בנים כשתולי זיתים סביב לשולחנו, ויזכה להצליח בעבודת הקודש, להרביץ תורה לעדרי צאן קדשים, לגדלם לחכמם ולחנכם על מי מנוחות לתפארת הוריהם ומוריהם, עדי נזכה לביאת בן דוד בעגלהה

המברכים בהערצה
**דינער קאמיטע**

# ברענגט $1000 צום דינער

פאר אייער נתינה צום דינער
קעש, טשעקס, קרעדיט קארדס (מינימום $250 ביז $1000),
גייט איר אריין אינעם

# קעש גורל



## העכערט אייער נתינה, העכערט אייער פעיראל!



דינער השנתי • וסעודת הודאה
להחזקת אלפי תינוקות של בית רבן
סיום מסכת סוטה
תענית שבע ברכות
כ"א כסלו

ישיבה תורה ויראה דרבינו
מ'סאטמא

# באקומט צוריק דעם סכום
# אין פעיראל א גאנץ יאר!

י איר געווינט דעם זעלבן סכום וואס איר האט געגעבן, אין פעיראל א גאנץ יאר.

Bi Weekly




במקהלות רבבות אלפי ישראל

## מוצש"ק וישב • כ"א כסלו

פולאסקי פארט קאמפלעקס

יואל

אר




# רעוואלוציע צום צווייטן מאל

## צו פארזיכערן די עתיד פון אונזערע דורות, דארפן מיר פארזיכערן דעם עתיד פון דעם בית רחל

קומענדיג קיין אמעריקע האט רביה"ק זי"ע אוועקגעשטעלט דער אופן וויאזוי א מיידל שולע זאל זיך פירן .

**כהיום יום איז אונזער בית רחל די וועג ווייזער פאר אנדערע בתי חינוך בנוגע די 12'טע קלאס**

די לימודים איז ספעציעל אויסגעשטעלט צו פארגרייטן די תלמידות אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל על דרך התורה והמסורה מיט די ריכטיגע השקפה און שמחת החיים

**מוצש"ק פ' וישב • פולאסקי פארט קאמפלעקס**

### פאקטן

**5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.**

### ציפערן

יערליכער בודזשעט:
$22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט:
$4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים
מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל:
$12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00
• הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# העפטיגע הכנות צום מעמד כ"א כסלו

פארזעצונג פון זייט ג

שטארק ארויסהעלפן און פארשנעלערן דאס אנקומען פון די טויזנטער משתתפים גליך אריין צום בנין. די רייזע וועט זיין גאר קורץ און איינגענעם און וועט פארשפארן אסאך צייט, צוליב דעם וואס דער פּאָרט איז גלייך ביים מאסיוון בנין. ספעציעלע באסעס וועלן אויפנעמען דעם ציבור פון אלע גאסן לענגאויס וויליאמסבורג און בארא פארק און וועלן צופירן ביז צום שעיפער לענדיג, און פון דארט וועט מען נעמען די קורצע שיף רייזע צום בנין.

אין די טעג ווערן אויסגעארבעט די פונקטליכע דעטאלן און אלע נויטיגע פרטים פאר די רייזע, און עס ווערט ארייגעלייגט גאר גרויסע כוחות אז דער גרויסער ציבור זאל קענען גרינגערהייט מאכן דעם וועג אהין און צוריק אן קיין שום עקסטערע טירחה. די פונקטליכע פרטים וועלן געמאלדן ווערן קומענדיגע וואך.

באזונדער ווערט ארייגעלייגט אינטענסיווע כוחות אז דער גאנצער גיגאנטישער זאל וואס פארמאגט 73,000 קוואדראט פיס, זאל ווערן אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטן אופן אז יעדער יחיד אין אלע ווינקלען זאל קענען מיטהאלטן דעם גאנצן מעמד. דער אויבנאן וועט געבויעט ווערן אויף א צוויי שטאקיגער פלאטפארמע אויפן גאנצןברייט פונעם בנין, מיט הונדערטער זיך פלעצער פאר די רבנים ואדמורי"ם שליט"א, וואס איז צו ערווארטן לכבוד דעם גרויסן טאג ולכבוד שמחת בית צדיקים.

א באזונדערער פלאטפארמע אויפן גאנצן ברייט פונעם זאל, פארנט פון דער בימת הכבוד, ווערט צוגעגרייט פאר די זקני ונכבדי הקהלה, און אויף א דעזיגנירטן ארט אינעם צענטער פונעם זאל וועט זיין באשטימט פאר די נדיבים בעם, די נגידים חשובים מבית סאטמאר, וועלכע זענען ראשונים לדבר מצוה און לאזן זיך קאסטן מהונם לכל

קדשי בית סאטמאר, ווי אויך פאר די ראשי הקהלות והמוסדות בעדת סאטמאר מרחבי ניו יארק, וואו זיי וועלן געזעצט ווערן לפי כבודם און באקומען זייער פארדינטן כבוד פאר זייערע פולע לייסטונגען לטובת הקהלה והמוסדות צו ארויסהעלפן אין אנפירן די הייליגע ירושה פון רבינו הק' זי"ע דער בעל הנס.

**באזונדער ווערט ארייגעלייגט אינטענסיווע כוחות אז דער גאנצער גיגאנטישער זאל וואס פארמאגט 73,000 קוואדראט פיס, זאל ווערן אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטן אופן אז יעדער יחיד אין אלע ווינקלען זאל קענען מיטהאלטן דעם גאנצן מעמד.**

באזונדער ווערט אצינד אויסגעארבעט דורך די הנהלת המוסדות א גאר רייכן פראגראם לכבוד דעם מעמד רבתי במעמד רבבות אלפי ישראל. פאסיגע דרשות און באגריסונגען ווערט געהערט ווערן פון בארימטע בעלי דרשנים און הרבנים הגאוה"צ שליט"א לכבוד די גרויסע מאורעות, דער יום הצלה פון ריבה"ק זי"ע, און דער דינער השנתי פאר די מוסדות הקדושים, און גלייכצייטיג דער חגיגת הסיום מסכת סוטה והתחלת מסכת פסחים פון די אלפי חסידי סאטמאר, און לכבוד די גרויסע שמחה בבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

ביי שיין גדעקטע טישן וועט זיך דער ציבור וואשן צו די סעודת מלוה דמלכה דדוד מלכא משיחא, וסעודת הודאה ביום שנעשה בו נס לרבינו הק' זי"ע, און לכבוד די שמחת שבע ברכות ויומא טבא לרבנן. ווי אלע יארן וועט דער מעמד כ"א כסלו דינען אלס כינוס התלמידים, ווי די אלפי תלמידי סאטמאר פון גרעיטער ניו יארק וועלן זיך טרעפן מיט די חברים פון זייער יארגאנג, ולהתעלס באהבים בכינוס ידידים וריעים, טרעפענדיג זיך מיט חברים פון לאנגע יארן, און זיך דערמאנענדיג פון די זיסע לעכטיגע יארן אין דער פארגאנגענהייט. און דער ברייטער ציבור קוקט שוין ארויס א לענגערע צייט אויף דעם גייסטרייכן אווענט.

איבער אלעם קוקען ארויס די רבבות חסידי סאטמאר צו די צענטראלע דרשה און דברות קודש וועלכע וועט געהערט ווערן פון דעם פום ממלל רברבן, דער רבן ומאורן של ישראל כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א. דער רבי שליט"א וועט ווי אלע יארן זאגן דעם משא דבר ה', בחובת השעה והזמן לרגל יום ההצלה ובשבח המוסדות, און גלייכצייטיג מעורר זיין בדברים העומדים על הפרק.

פארזעצונג אויף זייט יט





# ווי אזוי האט אויסגעקוקט א דינער צוזאמען מיט רביה"ק זי"ע?!



מיט הרה"ח
ר' **חיים יאקאב** הי"ו

פארווארט: זכתה היום כ"א כסלו וואס די השגחה עליונה האט אזוי צוגעפירט אז אין דעם טאג איז מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע ניצל געווארן מצפרני הרשעים ימ"ש, און איז באפרייט געווארן מעבדות לחירות, דורכפארענדיג דעם גרעניץ פון אונגארן קיין שווייץ.

די הצלה פון רבי'ן זי"ע איז נישט געווען בלויז אן הצלת היחיד. אדאנק די הצלה פון רבי'ן זי"ע איז אידישקייט אפגעראטעוועט געווארן, והאי יומא דקגרים אז עס איז פארבליבן א שם ושארית צום דרך הסלולה לנו מדור דור. רביה"ק זי"ע איז נאכן גרויסן חורבן אנגעקומען קיין אמעריקע, און האט איבערגעאקערט דעם ביז-דעמאלסדיגן הארטן באדן. מיט זיינע הייליגע כוחות האט דער רבי זי"ע מטהר געווען דעם טומאת אויר ארץ העמים וואס האט ביז דאן געהערשט אין יעדעס ווינקל אין לאנד. דער רבי זי"ע האט מיט אן אש קודש לוחם געווען קעגן די פארשידענע קליפות, און ביסלעכווייז אריינגעברענגט א חיות דקדושה אינעם גאנצן לאנד, וואס בליט און שפראצט ביז צום היינטיגן טאג.

היינט-צו-טאגס ווען מען קוקט זיך אום אויף דעם ליכטיגן שטראל וואס שיינט אין וויליאמסבורג און איבער גאנץ ניו יארק, פון די טויזנטער אידן יראים ושלמים וואס פילן איבער די גאסן, דערמאנט דאס צוריק, אז מיט בלויז עטוואס מער ווי זעכציג יאר צוריק איז דאס אלעס נישט געווען. ווייניג ווייניג ערליכע אידן האט די שטאט פארמאגט, און אויך דאס ביסל ערליכע אידן וואס זענען יא געווען, האבן אבער זייערע קינדער זיך שוין נישט דערהאלטן ביי אידישקייט, און וואס א דור שפעטער אלס מער האבן זיי זיך ליידער דערווייטערט פון יעדן קשר מיטן עם ישראל.

אחד הי' אברהם איז מרן רביה"ק זי"ע אנגעקומען קיין ניו יארק, כמעט איינער אליינס, כמעט אן קיין תלמידים וחסידים און כמעט אן קיין רבנים גאונים וצדיקים וואס זאלן אים מיטהעלפן בעבודת הקודש. אויך די ביסל חרדישע אידן וואס זענען דאהי געווען צוזאמען מיט די געציילטע רבנים, זענען ליידער געווען פארכאפט אינעם רעיון הציוני, און זענען אלע געווען אויסגעשפראכענע קעגנערס פון רבי'ן זצ"ל צוליב די מלחמה לה' בעמלק וואס דער רבי זי"ע האט געפירט קעגן ציונות בכל שום וחניכא דאית לי'.

מיט אויסטערלישע סייעתא דשמיא, בזכות אבותיו הקדושים ובכח קדושתו האט דער רבי זי"ע באוויזן דאס וואס גדולים וטובים האבן נישט באוויזן. ארומגענומען מיט א קומץ קטן פון ערליכע אידן יראים ושלמים, האט דער רבי זי"ע אנגעהויבן צו בויען אידישקייט אין אמעריקע, אלעס אן קיין פשרות און וויתורים, נאר בלויז געננוי אויף דעם דרך ווי מען האט זיך געפירט אין דער אלטער היים. אויף דעם וועג האט ער מייסד געווען די קהלה, אויף דעם וועג האט ער מייסד געווען די ישיבה, און נאך מער האט ער אויף דעם וועג מייסד געווען די הייליגע מוסדות, אין וועלכע ער האט געזען דעם עתיד פון די קהלות און ווייטערדיגע ערליכע דורות.

זייענדיג דער יחיד בדורו האט דער רבי זי"ע זיך אראפגעלאזט צו יעדן איינעם באזונדער, ומן ההר אל העם איז דער רבי זי"ע געווען א געטרייער טאטע און א געהויבענער רבי פאר יעדן איינעם פון עדת תלמידיו וחסידיו. עס איז געווען מערקווערדיג ווי די תלמידים וחסידים פון רבי'ן זי"ע זענען אלע געשטאנען פאר אים באימה ופחד, מיטן גרעסטן מאס יראת הכבוד וואס נאר שייך, אבער צו די זעלבע צייט האט יעדער געשפירט דעם רבי'ן ווי זיין טאטע און וועגווייזער. יעדע קלייניגקייט האט מען זיך דורכגערעדט מיטן רבי'ן, און דער פראז "ער האט זיך נישט גערירט אנעם רבי'ן" איז ביי די אידן נישט געווען בלויז א מליצה, נאר אין פולן זין פון ווארט.

---

איך קען עס נישט פארגעסן. כ"א כסלו איז ביי אונז געווען גאר א גרויסער יום טוב, א מורא'דיגער התרגשות. מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעזען ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד אריין. ממש וינועו אמות הסיפים. דאס ביהמ"ד האט מיטגעטאנצט. דאס התרגשות ביים ציבור איז געווען אין לשער. אזוי איז דאס געווען יעדעס יאר ממש.

ווען דער רבי איז אריינגעקומען איז ער קודם געווען היבש ערענסט. ער איז געזעסן אזוי מיט א דביקות. אבער דער עולם האט געזונגן און געטאנצן. ר' אפרים ניימאן ע"ה פלעגט געווענליך גראמען אינמיטן, און צוביסלעך איז דער רבי געווארן שטארק אויפגעלייגט מיט א שיינענדן געזוכט. נאכדעם פלעגט דער רבי זאגן תורה, מיט פארשידענע בחינות אויף די גרויסע חסדי ה', און ווי מען דארף דאנקן השי"ת אויף די גרויסע נסים.

וואס שוין נאכדעם מ'האט געענדיגט די סעודה



עס איז דעריבער געווען נאטורליך אז יאר יערליך ווען עס איז אנגעקומען דער טאג כ"א כסלו, דער טאג וואס דער רבי זי"ע איז גערעטעוועט געווארן מצפרני הרשעים ימ"ש איז דאס געווען א פערזענליכע שמחה פאר יעדן איינעם. מען האט זיך מיטגעפריידט בשמחה רבה אויף דעם עצם הצלה פון רבי'ן זי"ע צו וועמען יעדער איז געווען אזוי מקושר, און מען האט זיך מיטגעפריידט בשמחת היום דורך וועלכע כלל ישראל האט בחסדי שמים מרובים געהאט א ווייטערדיגן המשך כפי דרך המסורה לנו מאבותינו ורבותינו מדור דורים.

ווען מען הייבט נאר אן צו רעדן צו די זקני עדתינו ובעלי בתים נכבדים, וועלכע האבן נאך מיטגעלעבט די געהויבענע תקופות בחיים חיותו פון רבי'ן זי"ע, און מען פארפירט א שמועס איבער דעם טאג כ"א כסלו, ווערן אלע מלא התרגשות, דערמאנענדיג זיך ווי די שמחה האט ממש איבערגערינען איבער אלע ברעגעס, א שמחה עילאה וואס מען קען זיך דאס גארנישט פארשטעלן.

אין די שפעטערע יארן נאכדעם וואס רביה"ק זי"ע איז ליידער אפגעשוואכט געווארן, והוא מחולל מפשעינו, האט מען אנגעהויבן צו פראווען די מסיבות כ"א כסלו צוזאמען מיטן יערליכער דינער להחזקת מוסדותינו הק'. ווי די בעלי דרשנים פלעגן דאס פאסיג ארויסברענגען, איז גאר שטארק צוגעפאסט אז די צוויי מאורעות זאלן געפראוועט ווערן צוזאמען, נאכדעם וואס דער גאנצער נס הצלה פון רבי'ן זי"ע איז דאך בעיקר צוגעפירט געווארן מן השמים כדי אז דער רבי זאל קענען אויפשטעלן דעם לגיון של מלך, וואס איז טאקע צושטאנד געקומען דורך די הייליגע מוסדות, ווי דער רבי זי"ע פלעגט זעלבסט דאס אפטמאל ארויסברענגען אין זיינע דברות קודש ביום כ"א כסלו.

די אידן פון יענע תקופה וואס האבן מיטגעהאלטן די כ"א כסלו דינערס, ווי אויך די אידן וואס האבן אין די פריערדיגע יארן מיטגעהאלטן די דינערס לטובת מוסדותינו הק', קענען שווער פארגעסן פון דעם פראכטפול בילד, ווי רביה"ק זי"ע איז יושב בראש און איז משמיע דברות קודש פארן ציבור, איבער דעם פליכט וואס ליגט אויף יעדן איינעם צו שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות, און הערט מיט הנאה און אינטערעסע די סכומים הגונים וואס דער ציבור באשטייערט זיך להחזקת המוסדות. אידן האבן געשפירט פאר א זכי' זיך צו באשטייערן מיט פארשידענע סכומים ביים מעמד הדינער, וויסענדיג אז דערמיט מאכט דעם גרעסטן נחת רוח פארן רבי'ן זי"ע וואס קוקט אזוי שטארק ארויס דערויף.

כהיום יום איז שוין אויפגעשטאנען א פריש דור, טויזנטער אברכים, בחורי חמד און ילדי תשב"ר וואס האבן נישט געהאט די זכי' צו קענען דעם רבי'ן, און פרייען זיך טאקע מיט בשמחת היום פון כ"א כסלו, אבער האבן שוין נישט מיטגעהאלטן די גייסטרייכע שמחות וואס פלעגן געפראוועט ווערן בהלו נרו פונעם בעל הנס מרן רביה"ק זי"ע עלי ראשינו.

האבן מיר דעריבער זיך פארבינדן מיט איינעם פון די חשוב'ע אנ"ש הרבני החסיד המפואר ר' חיים יאקאב הי"ו, וועלכער האט אונז איבערגעגעבן עטליכע אינטערעסאנטע פרטים ווי אזוי עס פלעגט אויסקוקן די סעודת הודי' פון כ"א כסלו ביים רבי'ן זי"ע ובפרט ווי אזוי דער רבי זי"ע האט מיט מסירת נפש זיך באטייליגט ביי די דינער-מסיבות לטובת המוסדות.

אנהייבענדיג דעם שמועס מיט ר' חיים הי"ו דערציילט ער אונז איבער דעם געוואלדיגן התרגשות וואס יעדער איינער האט געשפירט אינעם טאג.

האט מען געטאנצן א גאנצע נאכט מיט גרויס התלהבות. ס'איז געווען א חשוב'ער איד וואס פלעגט צו די סעודה ברענגען אזא פעסל ביר, ער האט געטיילט משקה פארן ציבור, און נאכדעם האט מען געטאנצן אן אויפהער ביז פארטאגס.

איך געדענק איין יאר ווען מ'האט אזוי געטאנצן ביז פארטאגס, איז שוין אנגעקומען אין ביהמ"ד אריין איינער פון די עלטערע יאדן, ר' אביגדור כהנא ז"ל (וועלכער איז געווען דער ערשטער גבאי פון די חברה משניות דקהלתינו הק'). די מעשה איז די וועלט האט זיך היינט זייער געטוישט. היינט-צו-טאגס וואוינען אין וויליאמסבורג צען פופצן מאל מער משפחות ווי עס האבן דעמאלט געוואוינט. און מיט דעם אלעם איז אין יענע יארן דער ביהמ"ד שוין געווען סאך מער אנגעפילט אום דרייע האלב-פיר פארטאגס, ווי היינט אום פינף-זעקס אזייגער.

אלענפאלס איז ר' אביגדור ז"ל שוין דאן אנגעקומען אין ביהמ"ד אריין. ער האט געהאט זיין שיעור דארט ביים טישל אויף די זייט פונעם ארון הקודש. דארט פלעגט ר' שמעון לויפער ז"ל פארלערנען חק לישראל. ער איז געווען אזא פארצייטישער איד, און אריינקומענדיג אין ביהמ"ד האט ער געזען ווי דער עולם טאנצט נאך פון ביינאכט פריער, האט ער זיך גענומען מאכן קולות פארוואס מען טאנצט נאך. אבער דער עולם האט זיך נישט געקענט אפרייסן, און מ'האט ווייטער געטאנצן מיט גרויס התלהבות.

כ"א כסלו איז יארן לאנג געווען אן אייגענארטיגער סעודה, זייענדיג דאס איינציגסטע מאל אין יאר ווען דער ציבור האט זיך מיטגעפריידט פערזענליך מיטן רבי'נס שמחה. אין די אלע יארן וואס דער רבי איז געווען געזונט, איז די כ"א כסלו סעודה געווען מיוחד נאר אויף דעם, אפצוגעבן שבח והודי' לקל בורא עולם.

ערשט אין די שפעטערע יארן ווען דער רבי זי"ע איז שוין נישט געזונט געווען, און ס'איז שווער געווען פארן רבי'ן זי"ע אריינצוקומען צוויי מאל צווישן עולם, האט מען צוזאמגעשטעלט די צוויי מסיבות פון כ"א כסלו און דער יערליכער דינער לטובת די מוסדות.

"אין די פריערדיגע יארן - דערציילט אונז ר' חיים - פלעגן די בחורים נישט מיטהאלטן די דינערס לטובת די מוסדות. די דינערס האט מען דאך בעיקר געמאכט צו שאפן געלט, און ביז די יארן ווען מען האט אנגעהויבן צו פראווען די דינערס צוזאמען מיט די כ"א כסלו סעודות איז כמעט נישט אויסגעקומען אז די בחורים זאלן מיטהאלטן א דינער.

איך געדענק אז עס איז געווען אמאל א בחור'ל וואס איז געווען ביי א דינער, און זיין מלמד הר"ר שלום אליעזר ווייס ז"ל האט אים גע'קנס'ט מיט א געוויסן קנס.

איך פערזענליך האב יא דא און דארט מיטגעהאלטן דינערס און מסיבות לטובת די מוסדות. עס פלעגט זיין אזוי איינגעפירט אז יעדעס יאר פלעגט זיין אזעלכע קליינע מסיבות פאר די מוסדות, וואס איז געווען ווי או הכנה צום דינער. ר' ישראל זופניק ז"ל פלעגט יעדעס יאר מאכן אזא מסיבה ביי זיך אין שטוב, וואו דער רבי פלעגט קומען און זאגן תורה. אויך אויף אנדערע מקומות פלעגט זיין קליינע מיסובות לטובת די מוסדות, ווי אין איסטסייד, קראונהייטס און נאך.

געדענק איך אז איינמאל ביי א מסיבה אין קראונהייטס האט אויפגעטרעטן דער

פארזעצונג אויף זייט יד ◄◄

פארזעצונג פון זייט יג

נייפעסטער רב (הגה"צ רבי חנני' יום טוב ליפא גאלדמאן זצ"ל). אינמיטן זיין דרשה האט ער נאכגעזאגט פארן ציבור דאס ווארט וואס דער רבי זי"ע האט אמאל געטייטשט ביי א פתיחה אין די ישיבה אויף די משנה אין מסכת אבות "יהודא בן תימא אומר הוי עז כנמר וכו' הוא הי' אומר עז פנים לגהנם". האט דער רבי געטייטשט אז יהודא בן תימא זאגט טאקע אז מען דארף האבן דעם מדת העזות און זיין "עז כנמר" ווען עס קומט צו ענייני יהדות זיך צו האלטן ביי שמירת התורה והמצוות, אבער "הוא הי' אומר" דער זעלבער יהודא בן תימא האט אויך געזאגט אז "עז פנים לגהנם" אויב נוצט מען דעם מדת העזות דארט וואו מען ברויך נישט, איז זייער נישט גוט, עס פירט צו גיהנם. נישט אז עס איז מחלוקה צווישן די צוויי מאמרים. ס'איז היינו הך, ווער עס זאגט דאס דער זעלבער זאגט דאס אויך.

דער רבי האט זייער הנאה געהאט אז מען זאגט נאך דאס ווארט אין דער פרעמד, און מען דערציילט פארן עולם אז אין סאטמאר לערנט מען די קינדער מדות טובות. מען איז מחנך די קינדער אז מען זאל זיך פירן איידל און דרך ארצ'דיג. איך געדענק ווי ווען דער נייפעסטער רב האט געהאלטן אינמיטן איבערזאגן דאס ווארט, האט דער רבי אזוי צוגעשאקעלט מיטן קאפ, און אפילו אריינגעזאגט עטליכע ווערטער אים צו פארבעסערן ווי אזוי האט ער געטייטשט די משנה.

שפעטער געדענק איך האט א בעל דרשן נאכגעזאגט דאס ווארט ביי א מסיבה אין בארא פארק, און אויך דארט האט עס דעם רבי'ן זייער מהנה געווען אז מען דערציילט אינדרויסן ווי אזוי מען איז מחנך די קינדער צו מדות טובות.

ווי דערמאנט פריער, איז אין די פריערדיגע יארן געווען איינגעפירט, אז די בחורים זענען נישט געקומען צום דינער. ערשט בשנת תשכ"ח דאס לעצטע יאר אין די געזונטע יארן פון רבי'ן זי"ע, האט מען ערלויבט אז די בחורים זאלן קומען. דער ציבור איז שוין געווען גרעסער, און די ישיבה איז שוין געווען זייער גרויס. מ'האט געוואוסט אז דער דינער איז איינס פון די צענטראלסטע צייטן ווען דער רבי שמועסט זיך אזוי שיין אויס מיטן ציבור, דעם תכלית פארוואס מען איז אנגעקומען קיין ניו יארק, האט מען יענעם

פארזעצונג אויף זייט טו




## אין די כתה "מכינה לישיבה קטנה"

ווערט געלייגט א גרויסער דגוש אוועקצושטעלן א שטארקן יסוד פאר די בחורי'שע יארן.

מען געוואוינט צו די בחורים צו לערנען יעדן טאג פאר'ן דאווענען, וויאזוי אויך נאך פסח רוקט מען נישט דעם זייגער, און דער פארטאגס סדר גייט אן אומגעשטערט.

## העלפט אונז אוועקשטעלן דעם ריכטיגן יסוד פאר די ימי הבחרות, איידער די בחורים גייען ארויס אין די ישיבות

מוצש"ק פ' וישב • פולאסקי פארט קאמפלעקס

**פאקטן**

5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.

**ציפערן**

יערליכער בודזשעט: $22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט: $4,878,305.00 • היי יעריגע גרויסע הוצאות: בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00 • הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.



# שמועס

מיט הרה"ח ר' חיים יאקאב הי"ו

יאר געמאכט אן אויסנאם און מען האט לכתחלה אזוי איינגעשטעלט אז די בחורים זענען אפיציעל געקומען צום דינער.

דער דינער איז דאן אפגעראכטן געווארן זונטאג פרשת וישב, און עס איז געווען א קורצע צייט נאך די "מלחמת ששת הימים" ווען די מדינה האט איינגענומען דעם כותל. אין די וואכן און חדשים פאר דעם האט דער רבי זי"ע שטארק געקאכט קעגן די שווערע נסיונות, און האט זייער אסאך אויפגעקלערט דעם ציבור אז מען זאל נישט מיטגעשלעפט ווערן מיט די דיעות כוזבות וואס די ציונים האבן דאן פארשפרייט איבער די וועלט.

**דער רבי האט זייער הנאה געהאט אז מען זאגט נאך דאס ווארט אין דער פרעמד, און מען דערציילט פארן עולם אז אין סאטמאר לערנט מען די קינדער מדות טובות. מען איז מחנך די קינדער אז מען זאל זיך פירן איידל און דרך ארצ'דיג.**

דערציילט אונז ר' חיים:

ס'איז געווען דעמאלט נאך די ששת הימים, און ווען נאר דער רבי איז געווען צווישן מענטשן, ווען ער האט גערעדט צום ציבור און ווען ער האט געשמועסט פריוואט האט ער נאר פון דעם גערעדט. דער רבי האט עפעס מרגיש געווען אז וויפיל ער האט שוין גערעדט צום ציבור די אלע יארן, דאך איצט ווען עס איז געקומען אן עת נסיון איז דער ציבור ווי אביסל צוריקגעפאלן אין די ענינים, און ער געזוכט אלץ וואס מער אריינפרעגן אינעם עולם אז מען זאל וויסן דעם ריכטיגן דעת תורה. ווען ער האט נאר געהאט א געלעגענהייט האט ער אויפגעקלערט דעם ציבור אז מען זאל נזהר זיין פון מיטגעשלעפט צו ווערן מיט די ציוניסטישע פאפראגאנדע.

פארן דינער וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביום א' פרשת וישב, האבן די מקורבים שטארק געבעטן דעם רבי'ן, אז ביים דינער זאל דער רבי נישט רעדן פון דעם ענין. מ'האט געזען ווי עס קאסט ממש דאס געזונט פון רבי'ן. דער רבי פלעגט ווערן אזוי אויפגעקאכט ווען ער גערעדט פון דעם. בפרט האט מען געהאלטן אז ביי א דינער וואו עס איז אויך דא א פרעמדער עולם איז נישט די צ י י ט דערצו.

דער עולם וואס האט דאס אזעלכע מוסדות, ובפרט אז דער גאנצער עול ליגט נאר אויפן היימישן ציבור. דער רבי פלעגט עס אסאך מאל זאגן, אז ס'איז א נס מן השמים אז מען האט מעלים געווען פון אים מיט וואסערע שוועריקייטן דאס אנפירן די מוסדות איז פארבינדן. ווען ער ווייסט ווען דאס פון פריער, וואלט ער אפשר מורא געהאט אריינצושפרינגן דערין.

דעמאלט ביי יענע תורה האט דער רבי מסביר געווען אז מען זאל זיך בארעכענען אז טראץ וואס ער בעט פון עולם אזויפיל געלט פאר די מוסדות, האט ער אבער נאך אלעם נאך זייער אסאך איינגעשפארט פארן עולם. מ'זאל זיך אומקוקן - האט דער רבי געזאגט - וויפיל אנדערע געבן פאר די סטרא אחרא, וואס מ'ווארפט זיך דארט מיט געלט ווי אין מיסט אריין, וועט מען געוואויר ווערן אז דא געט מען גארנישט געווג.

(לחיבת הקודש זענען מיר מעתיק די ווערטער בל"ק: "אבער וויסן זאל מען, איך מיין איר זאלט אייך גוט בארעכענען, פארדינט עטס נאך אסאך. אסאך געלט ברענג איך איין. איר זאלט

מיטגעהאלטן געדענקט דאס זיכער גוט, ווי במשך די גאנצע תורה איז דער רבי געווען זייער איינגעהאלטן. ער האט טאקע נישט דערמאנט קיין ווארט פון די ענינים. איך געדענק דער רבי האט דעמאלט זייער שיין גערעדט צום ציבור. ער האט געזאגט אז מתחלה האט ער זיך אליינס נישט געקענט אויסמאלן אז מען זאל קענען אהערשטעלן

קוקן אינדרויסן וויפיל מ'וואלט געגעבן אהין - דאס דארף איך נישט צו זאגן וואו אהין, צו די סטרא אחרא וכו'.

קוקסט נאר אהין פאר די סטרא אחרא וו מ'האט געווארפן געלט ווי מיסט, וועט איר געוואויר ווערן אז מ'גיט נישט [גענוג]. אמת הדבר אז דא פארלייגט זיך, דא לאזט נישט דער ס"מ און דארט הייסט דער ס"מ (אז מען זאל געבן), דאס פארשטיי איך דעם חילוק, אבער אעפ"כ דארף מען זיך בארעכענען זה לעומת זה. אבער איר זאלט אייך גוט בארעכענען, ווען נישט דעס וואס מ'גייט דעם וועג (בדרכו הסלולה פון רבי'ן זי"ע) העט עטץ דאך אויך אהינגעגעבן אלעס, העט עטס אויך אהינגעגעבן דאס גאנצע פארמעגן אהין. ס'העט אסאך מער געקאסט. אסאך האט עטס ענק איינגעברענגט (איינגעשפארט). דאס זאג איך ענק. ווי שווער איר וועט זיך נאר אנשטרענגן זאל מען וויסן, עטס האטס ענק אסאך געלט איינגעברענגט).

אלענפאלס. אזוי האט דער רבי זייער שיין גערעדט צום ציבור. ערשט ביים סוף פון די תורה איז דער רבי געווארן אזוי אויפגעקאכט, און ער האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן. ס'איז נישט אזוי אריינגעקומען אינעם שמועס, אבער דער רבי האט מיט אן אש להבה אנגעהויבן צו שרייען, אז דאס איז דער גרעסטער עלבון התורה אז מען זאל זאגן אז עס קען זיין אזא זאך א אידישע מדינה וואס האט נישט קיין שום שייכות מיט די תורה.

דער רבי האט דעמאלט גערעדט פון דעם וואס זיי מאכן אייגענע חוקים, זיי האבן אויפגעשטעלט זייערע ערכאות, האט דער רבי נאכגעזאגט די משנה אין אבות "חרב בא לעולם על עינוי הדין" און ער האט אויסגעשריגן "ס'איז דען מעגליך אז א איד וואס גלייבט אין באשעפער און ער גלייבט אז ס'איז דא א תורה, און ער גלייבט אז ס'זאל מעגליך זיין אזא זאך?

"דאס איז אן עלבון תורה. די תורה זאל זיך אננעמען פאר איר עלבון! עלבון התורה! - האט דער רבי געשריגן.

פארזעצונג אויף זייט יז

ברענגט מיט צום דינער
$1,000
לכה"פ $250
און גייט אריין אין די
ונתנו גורל
צו געווינען
25 מאל אייער נתינה

# כמה מעלות טובות באוסקותינו

# #8

# שלשה שותפים



## אין אונזער בית רחל

איז אויפגענומען געווארן א ספעציעלע שטאב צו באפעסטיגן דעם שותפות'דיגן קשר צווישן די הנהלה רוחניות, די מחנכות און די עלטערן.

**ווען עס מאכט זיך א פראבלעם וואס מען דארף מסדר זיין, ווערן די עלטערן גלייך אינפארמירט, און באגלייט מיט די עלטערן ווערט דאס באהאנדלט אויף א ווירקזאמען אופן.**

## העלפט אונז פארזיכערן דעם הויכן סטאנדארט חינוך הבנות

**מוצש"ק פ' וישב • פולאסקי פארט קאמפלעקס**

## פאקטן

5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.

## ציפערן

יערליכער בודזשעט:

$22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט:

$4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל: $1,699,934.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $12,709,405.00

• הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

# שמועס

מיט הרה"ח ר' חיים יאקאב הי"ו

פארזעצונג פון זייט טו

איך קען גארנישט שילדערן וואס עס האט זיך דעמאלט געטון אינעם זאל. דער גאנצער ציבור איז געווארן בלאס הערענדיג ווי דער רבי האט זיך פלוצים אזוי צושריגן. מ'האט געזען אז עס האט זיך ממש ארויסגעריסן פון טיפעניש פון זיין הארץ, און עס האט געהערשט אזא פחד און אימה ביים גאנצן ציבור. עס איז געווען מצב נורא אינעם גאנצן ארום.

איך געדענק ווי גלייך נאך די דרשה איז צוגעקומען א איד צום רבי'ן. יענער איז נישט געווען אזא חכם. ער פרעגט דעם רבי'ן אז ער וויל פארן קיין ארץ ישראל. פונקט דעמאלט נאך די דרשה האט ער נישט געהאט וואס צו פרעגן. האט אים דער רבי אזא זאג געטון "אז איר האט נישט מורא פארט". מ'האט געזען אז עס קאכט נאך ביים רבי'ן, און עס איז אים נישט ניחא געווען די שאלה.

ביי די דינערס איז אבער בעיקר געווען - ווי פארשטענדליך - דאס אריינברענגען געלט. ביי יעדן דינער עקסטער איז דאס געווען דער עיקר תוכן פון די דברות קודש, וואס דער רבי האט פארלאנגט פונעם ציבור אז מען זאל זיך אנשליסן מיט גרעסערע נתינות צום דינער. הפלא'דיגע ענינים האט דער רבי זי"ע משמיע געווען ביי די דינערס, ארויסברעגענדיג דעם געוואלדיגן זכות וואס עס איז צו שטיצן תורה בטהרה, און נאך מער דעם פליכט וואס עס ליגט אויף יעדן איינעם מחזק צו זיין די הייליגע מוסדות.

אין די פריערדיגע וואכן האבן מיר שוין אראפגעברענגט עטליכע געהויבענע בחינות וואס דער רבי זי"ע האט געטייטשט ביי די דינערס לטובת די מוסדות.

דער הויכפונקט פון די דינערס איז געווען ווען מען האט אויסגערופן די נתינות פונעם ציבור, וואס דאס איז דאך אייגענטליך געווען דער ציל פונעם דינער.

ברענגט מיט צום דינער
$1,000
לכה"פ $250
און גייט אריין אין די
ונתנו גורל
צו געווינען
25 מאל אייער נתינה,

ביי די דינערס האט מען געזען - דערציילט אונז ר' חיים - ווי עס גייט ממש בנפשו פון רבי'ן אז דער עולם זאל זיך אנשטרענגן און געבן שיינע סכומים. אידן האבן געוואוסט אז ווען מען וויל מאכן א נחת רוח פארן רבי'ן, לאזט מען אויסרופן א שיינעם סכום געלט וואס פון דעם האט דער רבי אזא הנאה געהאט. דעמאלט איז דאך נישט געווען ווי היינט. פינף הונדערט דאלאר צו גאר טויזענט דאלאר איז געווען גאר א שיינעם סכום, און ווען מען האט געהערט אויסרופן אזא סכום, האט מען געוואוסט אז דער איד וואס האט צוגעזאגט דעם סכום האט ממש מחי' געווען דעם רבי'ן.

איך געדענק ביי א געלעגנהייט וואס איז געווען א מסיבה ערגעץ אינדרויסן, האט ר' הערץ פרענקל אנגעפירט די מסיבה, און נאך די מסיבה האט ר' הערץ אויסגערופן אז ווער די אלע וואס געבן א געוויסן סכום געלט, קענען צוברענגן זייער נתינה צום רבי'נס "דעסק". דער רבי האט זיך גלייך אנגערופן "וואס זאגסטו דארט?". דער רבי האט נישט פארשטאנען וואס דאס ווארט "דעסק" מיינט. האט ער מסביר געווען פארן רבי'ן. פארן רבי'ן איז אבער נישט ניחא געווען פערזענליך איבערצונעמען די נתינות פונעם ציבור ברבים, און ר' הערץ האט געוואלט מחי' זיין דעם רבי'ן, האט ער זיך אנגערופן מיט נאך אן ענגלישע ווארט "איי עם סארי". האט דער רבי זיך צושמייכלט.

בכלל איז דעם רבי'ן נישט געווען באקוועם אז מען געט אים געלט ברבים. דער רבי דער ברך משה ז"ל האט מיר אמאל דערציילט, אז ער איז אמאל געווען מיטן רבי'ן ז"ל ביי א חתונה, און ער האט געזען ווי א איד קומט צום רבי'ן, און שטופט אים אריין אין די האנט א נתינה פון 5$. האט מיר דער רבי הברך משה געזאגט, אז ער האט דאס ממש נישט אויסגעהאלטן. אינדערהיים איז דער רבי געווען א מלך בישראל, און דא שטופט מען אים אריין געלט אין די הענט.

עכ"פ אבער דאס געדענק איך און מסתמא אסאך אידן אויך, ווי שטארק דער רבי האט הנאה געהאט ווען ער האט געהערט אויסרופן די שיינע סכומים צום דינער. איך געדענק אמאל ס'איז געווען א דינער אין ביהמ"ד. דער רבי שוין נישט געזונט געווען, און מ'האט געוואלט מחי' זיין דעם רבי'ן. איז איינעם בייגעפאלן, ער איז צוגעגאנגען צום מייק און ער האט אויסגערופן אז ער בעט אז מען זאל מוסיף זיין נאך הוספות. דער עולם האט עס טאקע ערענסט אנגענומען, און דער עולם האט אנגעהויבן זיך אויסצורופן נאך און נאך געלט. אסאך אידן האבן צוגעזאגט שיינע סכומים, און דער רבי האט דערפון אזא הנאה געהאט. שוואכערהייט איז דער רבי אזוי געזעסן און צוגעהערט ווי דער עולם לייגט צו נאך און נאך סכומים, ער האט ממש אויפגעלויכטן פון די שיינע סכומים.

און מיר האבן נישט וואס מוסיף צו זיין נאר דאס אז גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, און עס איז זיכער אז אויך דארט בשמי מעל זיצט דער רבי זי"ע און הערט צו צו די סכומים וואס דער ציבור איז מבטיח פארן דינער, ובטוחים אני באלה, אז די ווארימע ברכות וואס דער רבי פלעגט וואונטשן פארן ציבור בשעת'ן דינער וועט חל זיין אויף די אלע אידן וואס שטרענגן זיך היינט צו שטיצן די הייליגע מוסדות, ומה כאן עמד ושימש וועט דער רבי זי"ע זיכער זיין דארט א מליץ יושר פאר אלע תומכים פון די מוסדות הק', ונזכה להשפעות טובות משמי מעל.









# ביומו תתן שכרו אַ פאקט

## נישט בלויז א קאמפיין-סלאגאן

צום וואונדער פון אלע מוסדות התורה האבן מיר בעזהש"י באוויזן דאס אומגלויבליכע, זינט די ערשטע טאג וואס די מוסדות האבן זיך געעפענט ועד היום

## זענען אלע איינגעשטעלטע געווארן באצאלט אין צייט!

טראץ וואס 31% פון די כלי קודש פעיראל ווערט נישט געדעקט פון שכר לימוד

## כדי די כלי קודש זאלן קענען אנגיין מיט זייער הרבצת התורה בהרחבת הדעת

## צו קענען ווייטער פארזעצן אויף דעם אופן, זענען מיר אנגעוויזן אויף די נדבה פון יעדן יחיד

מוצש"ק פ' וישב • פולאסקי פארט קאמפלעקס

## פאקטן

5 יאר זינט התחדשות המוסדות • קיינמאל פארשפעטיגט באצאלן כלי קודש • מוסדות געדאפעלט קרוב צו 6000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר • 532 איינגעשטעלטע • 5 גיגאנטישע בנינים • 205 הערליכע קלאס צימערן • 28 באסעס.

## ציפערן

יערליכער בודזשעט:
$22,188,081.00 • יערליכער דעפעציט:
$4,878,305.00 • **היי יעריגע גרויסע הוצאות:** בנינים
מארטגעדזש: $2,332,602.00 • כלי קודש פעיראל:
$12,709,405.00 • טראנספארטאציע הוצאות: $1,699,934.00
• הוצאות מנוחה ושמחה זאלן: קרוב צו א מיליאן דאללאר.

פארזעצונג פון זייט יא

באזונדער איז צו ערווארטן די ווארימע ווערטער בנוגע לימוד התורה וועלכע דער רבי איז מאריך ביי די סיומים אינערהאלב די חבורה יסודי התורה וועלכע זענען מחזק ומעודד די טויזנטער לומדים ווייטער מוסיף צו זיין בלימוד התורה בקביעות.

מטעם דער דינער קאמיטע פון די מוסדות הק', ווערט איבערגעגבן אז אין די טעג פארענדיגן די עסקנים אפשטאטן די באזוכען אין די הייזער פון אנשי שלומינו, אויפצוטרייבן גרויסע סכומים לטובת המוסדות מיט אירע זעקס טויזנט תשב"ר, און מיט גרויס סאטיפיקאציע איז אויפגענומען געווארן אין די צענטראלע ביורא פון די מוסדות, אז רובם ככולם פון חסידי סאטמאר האבן זיך אנגעשלאסן מיט גאר שיינע נדבות להחזקת המוסדות, אינעם ראם פון דעם "חד יומא" קאמפיין וואס איז געצילט אנצושליסן יעדן יחיד אנטיילצונעמען אין די גרויסע הוצאות פון די מוסדות.

אויך איז געמאלדן געווארן אז היי יאר וועט ווידער אמאל פארקומען דער גרויסארטיגער "ונתנו גורל" פאר אלע תומכים ונדבנים וואס גיבן גרויסע סכומים פאר די מוסדות. דער סדר הגורל איז אז דער געווינער וועט באקומען יעדע צוויי וואכן פאר די קומענדיגע יאר, דער סכום וואס ער האט מנדב געווען צום דינער.

לויט די נתינה פון קעש, טשעקס, קרעדיט קארדס, וואס ווערט געגעבן אצינד פאר'ן דינער, לויט דעם וועט זיי דער סכום פון די געווינס. די נדבנים האבן די מעגליכקייט צו געווינען די פאנטאסטישע סומע פון 25,000$ איינגעטיילט אין 25 וואכן לויט'ן סדר פון די פארמאלע פעיראל סיסטעם. דער ונתנו גורל האט אויסגערופען שטארקע אינטערעסע פארגאנגענע יאר, און עס ווערט אצינד ווידער פראקלאמירט דורך דער דינער קאמיטע פאר'ן היי יעריגן דינער.

מיט התרגשות דקדושה ומלא עוז וחדוה גרייטן זיך די טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר צום מעמד רבתי, ווען כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א וועט אריינקומען במעמד רבבות אלפי ישראל און דער ציבור וועט אויפנעמען דעם רבי'ן שליט"א מיט א הילכיגן "חסדי השם", אפצוגעבן א שבח והודאה פאר השי"ת על החסד אשר עשה עמנו, און דער עולם וועט זיך פארגיין אין א פריידיגע טאנץ "לרקד




אתלת" אויף די דריי באזונדערע אירועים וואס וועלן געפראוועט ווערן אין אט די הייליגע נאכט.

וואס א טאג עס גייט פארביי, וואקסט כסדר דאס התרגשות ביים ציבור צו דעם קומענדיגען מעמד הגדול והמפואר, ווען עס וועלן זיך צוזאמקומען תחת קורת גג אחד אלפים ורבבות




אנשי שלומינו עדת חסידי סאטמאר מכל מקומות מושבותיהם, צו דעם מעמד רבתי וכינוס משולשת, און דער ברייטער ציבור קוקט ארויס מיט גרויס שפאנונג אויפ'ן היסטארישן כינוס.

אשרי עין ראתה שמחת קהלינו.

---

**Central United Talmudical Academy**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**ישיבה תורה ויראה בית רחל דרבינו יואל מסאטמאר**
נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

בעז"ה

יום ה' פרשת וישלח תשע"א לפ"ק

# ויקבץ נדבותינו

קומענדיגן דינסטאג אווענט וועט אי"ה אפגעהאלטן ווערן גאר

**וויכטיגע אסיפות**

פאר די עסקנים הדגולים וואס זענען וויליג מיטצוארבעטן שכם אחד

## אפצונעמען די נתינות פונעם ציבור
## דורכאויס דעם מעמד הדינער

**קומענדיגן מוצש"ק הבעל"ט**

**די אסיפות וועלן פארקומען אין בנין התלמוד תורה ווייט עוו.**

(ארייננגאנג פון פען סט. קארנער ווייט עוו.)

און וועלן אפגעראכטן ווערן אין צוויי באזונדערע שיפטס

**8:00 אווענט** **10:00 איפדערנאכט**

כדי צו געבן די מעגליכקייט פאר יעדן איינעם זיך משתתף צו זיין לויט זיין באקוועמליכקייט

**מען וועט דערביי אויסשמועסן אלע נויטיגע פרטים, און עס זייער וויכטיג אז ווער עס קען ארויסהעלפן מיט די ארבעט זאל ערשיינען צו איינס פון די אסיפות**



מיט דאנק

**דינער קאמיטע**




YG / ProjectPRO

Ptinted by: Printing Press 718.782.1301